# צום פינטל

**גליון לב**
**פרשת שלח תשפ"ג**

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

**אכילת מזבח**

### בשר ביי 'אכילת מזבח

אין די פרשה שטייט די מצוה פון 'מנחת נסכים', אז ווען מ'איז מקריב א 'עולה ושלמים' ברענגט מען 'סולת למנחה' און 'יין לנסכים'. איז קודם לאמיר ארומרעדן די גדר פון א 'קרבן מנחה' בכלל, קעגען אנדערע 'קרבנות', און פון דעם וועלן מיר אריינקומען צו 'מנחת נסכים'.

די חז"ל זאגען אז די 'קרבנות' זענען לשם ריח, לשם ניחוח וכו'. כביכול דער אייבישטער לאזט זיך אראפ צו די יידישע קינדער, ער לאזט זיך נתקרב ווערן און נהנה זיין פון אונזערע קרבנות, און דאס איז די לשון 'קרבן', א 'קרבן' דערנענטערט דעם אייבירשטן צו אונז כביכול. 'קרבנות' ווערט אנגערופן אין חז"ל 'אכילת מזבח', אזוי ווי 'אכילת הדיוט' איז 'מקרב', 'גדולה לגומא שמקרבת', אזוי אויך דער אייבישטער כביכול ווערט נתקרב צו אונז דורעך די קרבנות.

די עיקר 'קרבנות' איז פון 'בהמות', נאכדעם קומט 'עופות', און נאכדעם קומט 'מנחות'. אזוי ווי מ'זעהט ביי 'קרבן עולה ויורד', אז די ערשטע אפציע איז די קרבנות פון 'בהמות', נאכדעם קומט 'עופות', און נאר נאכדעם קומט די אפציע פון 'מנחות'. און אזוי זעהט מען אין פרשת ויקרא, די תורה פאנגט אהן מיט די קרבנות פון די פלייש, און נאר נאכדעם קומט מען צו די 'מנחות'. אויך 'מסכת זבחים' וואס מ'רעדט פון די פלייש, איז פאר 'מסכת מנחות'.

שטייט אין ספר חשוקי חמד פון הגאון ר' יצחק זילבערשטיין (מנחות דף פ ע"א) אז די 'מנחות' זענען ווי א 'טפל' צו די 'זבחים', צו די פלייש, די פלייש זענען הייליגער ווי די מנחות (עי' זבחים פט ע"א), און ער איז מחדש אז אויב ס'גייט דא עפעס ווערן 'נותר', איז ענדערשט אז די 'מנחות' זאלן ווערן, ענדערשט ווי די פלייש וואס איז הייליגער און חשוב'ער.

**ס'איז יתכן אז אין בית המקדש וואס די פלייש איז חשוב'ער ווי די מנחות, דארפן די כהנים מאכן די ברכה אויף די פלייש און פטר'ן די ברויט, פארקערט ווי ביי 'אכילת הדיוט'**

און ער איז מאריך דארטן אין גאר א אינטערסאנטע ענין, אז ס'איז יתכן אז אין בית המקדש וואס די פלייש איז חשוב'ער ווי די מנחות, דארפן די כהנים מאכן די ברכה אויף די פלייש און פטר'ן די ברויט, פארקערט ווי ביי 'אכילת הדיוט' וואס מ'מאכט די ברכה אויף די ברויט און מ'פטר'ט די פלייש (עי"ש באריכות).

דאס הייסט אז ביי 'אכילת הדיוט' ווייסט מען אלעמאל אז די ברויט איז די עיקר, די עיקר 'קביעות סעודה' איז אויף די ברויט, און די בשר ויין איז נאר ווי א 'פרפרת' פאר די ברויט. דאס איז אלץ ביי 'אכילת הדיוט', אבער ביי 'אכילת מזבח' איז פארקערט, ביי 'אכילת מזבח' איז די עיקר די פלייש, און די 'מנחות' זענען גאר א 'טפל' צו די פלייש.

### כדרך העשירים

מ'זעהט כסדר אין גמרא אז פלייש איז א 'עשירות', סתם מענטשן האבן נישט געהאט קיין פלייש אינמיטן די וואך, און כל שכן בהמה פלייש (עי' רש"י סנהדרין קא ע"א). מ'קען זאגען אז דאס איז די טעם ביי 'אכילת מזבח' אז די פלייש איז די עיקר, ווייל אין בית המקדש דארף צוגיין די זאך 'כדרך העשירים', ענדליך צו וואס די גמרא זאגט 'לא תהא עניות במקום עשירות'.

דער 'צומח' איז מער א יסודות'דיגע עסן, עס איז פאר ארימע און רייכע צוגלייך, אבער דער 'חי' איז אסאך חשוב'ער, דער 'חי' איז א העכערע דרגא פון דעם 'צומח', דומם צומח חי מדבר, אויך איז דער 'חי' פיל מיט חיים און תנועה, דער 'חי' איז אסאך געזונטער, איז ווענען דעם דוקא גיט מען דאס פארן אייבירשטן, ווייל די חשוב'ע דארף מען אוועק געבן פארן אייבירשטן, 'בהרימכם את חלבו', מ'דארף אים געבן כדרך העשירים. (עי' שבת ק"מ ע"א, 'במקום דעייל ידקא ליעול בשרא וכוורא', ועי' במסכת ברכות מד ע"ב 'כל שהוא כביצה ביצה טובה הימנו', דרואים שה'חי' חשוב יותר).

און אזוי זעהט מען שוין ביי 'קין והבל', די קרבנות פון 'הבל' זענען געווארן אנגענומען, און די משמעות הפסוקים איז, ווייל 'הבל' האט געברענגט פונעם 'חי', בשעת ווען 'קין' האט נאר געברענגט פונעם

המשך בעמוד הבא

'צומח'. די חז"ל דרש'נען אז 'קין' האט געברענגט 'זרע פשתן', ער האט געברענגט 'מן הגרוע', אבער אויך די עצם זאך אז ער האט געברענגט מן ה'צומח' און נישט מן ה'חי', דאס גופא איז שוין געווען א חסרון, ווייל דער 'חי' איז אסאך חשוב'ער ווי דער 'צומח'.

און דאס זאגט די פסוק ביי 'הבל', 'מבכורות צאנו וחלביהן', ער האט געברענגט דעם 'חי' מיטן 'חלב', און נאכדרצו אז ער האט געברענגט די גוטע אויך, וועגן דעם איז זיין קרבן געווארן מער אנגענומען.

ס'איז באקאנט אז פאר די 'מבול' איז געווען אסור צו עסן בהמות וחיות, מ'האט נאר געמעקט עסן 'צמחים', נאכן 'מבול' און זכות פון די קרבנות וואס נח האט מקריב געווען, האט מען באקומען רשות צו עסן בהמות וחיות. דאס הייסט אז 'אכילת מזבח' ברענגט אויך די היתר פאר 'אכילת הדיוט', די עשירות פון 'אכילת מזבח', ברענגט עשירות אויך פאר 'אכילת הדיוט'.

די הלכה איז ביי 'שלמי שמחה' אז 'אין שמחה אלא בבשר', נישט מיט 'עופות' און נישט מיט 'מנחות' (גמרא חגיגה). ווייל ביי 'שלמי שמחה' קומט דער יוד ארויף צום אייבערשטן, ממילא איז זיין עסן אזוי ווי 'אכילת מזבח', און ביי 'אכילת מזבח' איז דאך די פלייש דער עיקר, ממילא איז אויך אזוי ביי 'שלמי שמחה' די פלייש די עיקר.

### ◆ די מנחת נסכים איז א טפל

איז לאמיר צוריק קומען צו די פרשה, אין די פרשה שטייט די מצוה פון 'מנחת נסכים', באמת שטייט דאס שוין אסאך מאל, ווי מ'זאגט יעדן טאג די נסכים ביי די פרשה פון 'קרבן תמיד', אויך ביי תפלת מוסף פון שבת, ראש חודש, יום טוב, זאגט מען די נסכים, אבער אין אונזער פרשה איז נתחדש געווארן אז נישט נאר 'קרבנות ציבור', נאר אויך 'עולה ושלמים' פון א 'יחיד' דארף האבן 'מנחת נסכים'.

שטייט אין גמרא (סוטה טו ע"א) אז 'מנחת נסכים' קומט צו 'מהדר' זיין די קרבנות, און וועגן דעם ברענגט מען עס נישט ביי 'חטאת' קיין 'מנחת נסכים', ווייל 'חטאת' קומט פאר א עבירה, קומט נישט אז ס'זאל זיין 'מהודר'.

'מנחת נסכים' איז בעצם א 'טפל' צו די עיקר קרבן, די ברויט און וויין פון די מנחת נסכים איז א 'טפל' צו די פלייש, אזוי ווי אלע 'מנחות' וואס זענען א טפל צו די פלייש, אבער דא זעהט מען א פארקערטע זאך, אז די 'מנחת נסכים' איז גאר 'מהדר' די פלייש, דער 'טפל' קומט גאר 'מהדר' צו זיין דעם קרבן.

די הלכה איז ביי 'מנחת נסכים' אז קודם דארף מען ברענגען די 'עולה ושלמים', און ערשט נאכדעם קען מען ברענגען די 'מנחת נסכים', און די טעם זאגען די חז"ל, ווייל ס'איז נישט שייך צו ברענגען א 'טפל' פאר א 'עיקר', און דאס איז די משמעות הפסוק 'עולה ומנחה, זבח ונסכים', "אם אין עולה אין מנחה, אם אין זבח אין נסכים". (ספרא פרשת אמור פרשתא יב ט', זבחים צ ע"ב, וכן בתוס' מס' תענית ב ע"ב ד"ה איבעיא). זעהט מען אז ס'איז א דבר פשוט אז די 'מנחת נסכים' איז א 'טפל' צו די עולה ושלמים, און פון דעסטוועגן איז דא עפעס א חידוש, אז דער טפל איז גאר 'מהדר' די פלייש.

אויך זעהט מען דאס פון דעם אז 'מנחת נסכים' קען מען ברענגען צען צוואנציג טעג שפעטער, און אפילו מ'ברענגט עס בכלל נישט איז עס אויך נישט מעכב דעם קרבן, וואס דאס ווייזט אז די 'מנחת נסכים' איז א טפל. און אזוי קומט אויך אויס פון די סוגיא אין מנחות (דף טו ע"ב) אז די עולה ושלמים זענען 'מפגל' די מנחת נסכים, וואס ס'קומט דארטן אויס אז די 'מנחת נסכים' איז א 'טפל'.

(ראה בשו"ת הרשב"א ח"א סימן עט "שאין הנסכים עבודה שלימה בפני עצמה, אלא חלק מחלקי עבודת התמיד", וגם כדאי לציין הסוגיא שיכולים להביא 'מנחת נסכים' כקרבן נפרד לעצמו, בלי עולה ושלמים כלל, והבן. גם יש לציין דין 'לחמי תודה' שהם טפלים לבשר, 'לחם גלל תודה ואין תודה גלל לחם', כדאיתא במנחות דף פ ע"א, גם אפשר לציין הסוגיא ד'יין מבושל' במסכת ב"ב דף צז ברא"ש שם עי"ש).

אויב אזוי דארף מען פארשטיין ווי קען זיין אז א 'טפל' איז גאר דער 'מהדר' פארן קרבן, ווי קען דער 'טפל' ארויס ברענגען די שיינקייט פונעם קרבן, ווי פארשטייט מען דאס. נאר מ'קען זאגען אז 'אדרבא', דייקא ווייל ער איז נישט מעכב דעם קרבן, מ'קען זיך ארויס דרייען פון אים, איז אויב ברענגט מען עס יא, ווייזט עס ארויס א 'הידור', ווייל די לייגסט צו א 'פלאס' צום קרבן, עפעס וואס וואלט נישט געמוזט זיין. און בפרט אז 'מנחת נסכים' איז נישט נאר א 'מנחה', ס'איז אויך 'נסכים' פון וויין, וואס דאס געט צו א גרויסע חשיבות צו די קרבן אסאך מער ווי סתם 'מנחות' וואס זענען נאר א 'טפל' און האבן נישט די חשיבות.

און דאס קען זיין פשט אין די גמרא (ברכות דף יד) "אמר עולא כל הקורא ק"ש בלי תפילין וכו', כאילו הקריב עולה בלא מנחה וזבח בלא נסכים". קריאת שמע איז די עיקר, מ'איז יוצא קריאת שמע אויך אהן די תפילין, ס'איז אזוי ווי די 'עולה ושלמים' וואס מ'איז יוצא אויך אהן די 'מנחת נסכים', אבער למעשה לצורך די שלמות פון די זאך, לצורך די יופי און די הידור פון די זאך, דארף מען האבן תפילין, און דייקא מיט דעם וואס איך בין מוסיף 'תפילין' צו קריאת שמע, מיט דעם ברענג איך ארויס א 'פלאס' צום קריאת שמע, ס'ברענגט ארויס די שלמות פונעם קריאת שמע.

## אדם מיוחס למקומו

יעדער מענטש האט א 'מקום', א פלאץ, א פלאץ ווי דארט קומט ער אלע מאל צוריק, ווי סאך ער זאל זיך נאר דערווייטערן, קומט ער אלץ צוריק צו זיין 'מקום מיוחד'. למשל, ער גייט ארויס צופרי צו די ארבעט, ער דערווייטערט זיך פון זיין 'מקום', פון זיין שטוב, ביינאכט קומט ער אהיים צוריק, ער קומט צוריק צו זיין 'מקום'. אז ער פארט אוועק פאר צוויי וואכן, פאר ביזנעס פאר וויקאציע וכדומה, ווי ער פארט נאר אוועק, ווייסט ער אז ער האט א 'מקום מיוחד', ער האט א 'מקום' וואסווארט פאר אים, א פלאץ וואס ווארט פאר זיין צוריק קומען.

דער מהר"ל (דרך החיים פרק ג ד) זאגט אז יעדער נברא האט א 'מקום', א פלאץ וואס ער פילט זיך דארט טבעיות'דיג. דאס הייסט אז ווען א מענטש גייט ארויס צו טוהן און ערלעדיגען, פילט ער זיך נישט דארט טבעיות'דיג, ער פילט אז ער איז נישט ביי זיין 'מקום', און טאקע וועגען דעם קומט דער מענטש כסדר צוריק צו זיין 'מקום', ער וויל צוריק קומען צו זיין טבעיות'דיגקייט. (און אין דעם אליינס איז דא אסאך דרגות, ווי מער איינס ער איז מיט די 'מקום', וועט ער זיך פילן מער באקוועמער און טבעיות'דיג, ס'איז דא א געדינגענע 'מקום', און ס'איז דא א געקויפטע 'מקום', און פארשטייט זיך אז א געקויפטע 'מקום' איז דער מענטש אסאך מער איינס מיט דעם).

דער מהר"ל איז מסביר דארט אז וועגן דעם איז מען מייחס א מענטש צו זיין פלאץ, מ'רופט אים 'על שם מקומו', 'פלוני בן פלוני' פון יענער שטאט, וויל דער מענטש מיט זיין פלאץ, קוקן מענטשן אהן ווי פאר איין זאך, ס'ווערט ביי זיי זייער שטארק איינגעגעסן דער מענטש בקשר צו זיין פלאץ. אזוי ווי מ'זעהט אויך אין הלכות גיטין אז 'שינה שם עירה ושם עירו', איז די זעלבע דין ווי 'שינה שמו ושמה', די פלאץ פון א מענטש ווערט ווי א חלק פון זיין נאמען, אויב מ'איז משנה די נאמען פון די פלאץ זיינער, איז דאס ווי א שינוי אינעם זיין נאמען זעלבסט.

## די 'עבר' פונעם מענטש

אזוי ווי א מענטש קומט כסדר צוריק צו זיין 'מקום', אזוי קומט ער אויך כסדר צוריק צו זיין 'עבר', אזוי ווי די 'מקום' באגלייט דעם מענטש א גאנצע צייט, אין אלעס וואס ער טוט איז עס 'דעתו' צוריק צו קומען צו זיין 'מקום', אזוי איז אויך מיט די 'עבר', די עבר באגלייט דעם מענטש א גאנצע צייט, אלעס וואס דער מענטש טראכט אינעם 'הוה', אדער אינעם 'עתיד', אלץ איז דאס בדעת אויף צוריק צו קומען צום 'עבר'.

מ'זעהט בחוש אז א מענטש פראבירט צו טראכטן פונעם 'הוה ועתיד', אבער די 'עבר' שלעפט אויף צוריק, און ס'איז נישט דא קיין ברירה מ'מוז אלעס חשבון'ן מיט די 'עבר', דער 'עבר' זיינער מוז ווערן אריינגעפלאכטן אין אלעס, א מענטש קען נישט פאר קיין געלט זיך אפשאקלען פונעם 'עבר', ער מוז עס האבן פשוט פאר זיין 'מקום', פאר זיין 'בעקגריינד', די עבר באגלייט א מענטש און נעמט אים ארום אין אלעס וואס ער טוט.

אין די טאג טעגליכע הלוך ילך איז די עיקר פונעם מענטש מער אין די פארנט, די חושים זענען פלאצירט מער אין דער פארנט פונעם מענטש, אויך די כח הדיבור איז אין די פארנט, אבער באמת לעבט א מענטש גאר אסאך פון די 'בעקגראונד' זיינער, אפשר נאך אפילו מער ווי פון דער פארנט, דער פארנט איז נאר געמאכט צו מאכן פרישע קשרים מיט די וועלט, דורעך דיבור אכילה וכו', די פארנט איז געמאכט אויף ארויס צו גיין ('עתיד'), אבער די 'בעקגראונד' דאס איז די לעבן זיינער, דאס איז אים אליין, דארטן האט ער שוין זיין חיבור, דארטן דארף ער נישט מאכן קיין פרישע קשרים, דארטן זענען די יסודות זיינער.

א מענטש זיצט אין בית מדרש, ער לערנט ער דאווענט, ער לערנט מיט דעם, ער לערנט מיט יענעם, און אין אלעס פילט ער די 'בעקגריינד' פונעם בית מדרש, אין אלעס פילט ער די לייטס, די שענק, די פענטינג, די וואול פאפיר, די אנדערע מענטשן וואס זענען אין בית מדרש. אפילו ער קוקט נישט אהין, נאך אלץ וועט ער פילן די 'בעקגראונד' א גאנצע צייט בלי הפסק, אלעס וואס ער טוט, איז כאילו ער טוט עס 'אין' די 'בעקגראונד', די 'בעקגראונד' איז כאילו די 'כלל' פון אלע פרטים, די 'בעקגראונד' באגלייט אלעס וואס מ'טוט אויף דעם פלאץ.

ער לערנט מיט דעם, ער לערנט מיט יענעם, זיי זענען צוויי אנדערע סארט חברותות, מ'לערנט אנדערע מקצועות אינגאנצן, אבער דאס איז נאר כלפי די פארנט פונעם מענטש, אזא סארט קשר מיט דעם, און אזא סארט קשר מיט יענעם, אבער כלפי די 'בעקגראונד' איז אלעס שוה, די 'מקום' איז כולל אלעמען בשוה. און אין יעדער פלאץ ווי א מענטש וועט נאר זיין, אין אלעס וועט ער פילן די 'בעקגראונד' פונעם פלאץ, און אפילו ער קוקט בכלל נישט דערויף, וועט ער עס פילן א גאנצע צייט, ס'איז א זאך וואס דער מענטש פילט אהן די חוש הראיה (די בעקגראונד איז כאילו ווי די זעקסטע חוש).

> **ביי 'חכמות העולם' ווייסט מען אז ס'איז וכטיג צו קענען די 'מאפע' פון די וועלט, ס'איז אינו דומה איינער וואס קען די מאפע, צו איינער וואס קען נישט, ווייל אויב מ'קען די 'מאפע' האסטו א 'מקומות' פאר דיין חכמה, אלעס וואס די הערסט אין וועלטליכע ענינים, האסטו א 'מקום' פארדעם**

## א 'בעקגראונד' ביים דאווענען

ביים דאווענען האט א יוד נסיונות, די קאפ פארט אים אוועק. די שורש הדבר איז פון דעם וואס די כח ה'מקום' שלעפט דעם מענטש אויף צוריק, יעדער מענטש האט דאך א פלאץ ווי ער פילט זיך באקוועם, וואס די דאזיגע פלאץ שלעפט אים אויף צוריק. ווייל אויף צו קענען דאווענען דארף ער דאך ארויס גיין פון זיינע ענינים, ער דארף זיך ארייינלייגען אינעם דאווענען, אבער דאס ארבעט נישט, ווייל ביי זיינע ענינים פילט ער זיך באקוועם, ער פילט אז ער איז ביי זיין מקום, ביי זיין 'בעקגראונד', און ווען ער פראבירט ארויס צו גיין צום דאווענען, איז דאס א נייע מקום ווי ער פילט זיך נישט באקוועם.

די עצה פאר דעם איז צו קאנעקטן די אייגענע 'מקום' צום דאווענען, אנשטאט ארויס גיין צו גיין פון זיך, אנשטאט זיך אפצוריסן פון די אייגענע 'בעקגראונד', מאך פארקערט, זעה ווי די קענסט קאנעקטן דיין אייגענע וועלט צום דאווענען, ווי דיין 'מקום' וואס דארטן ביסטו באקוועם, ווי דאס קומט אריין מיטן דאווענען, און דאווען מיט דעם צוזאמען.

למשל, נעם איינער פון דיינע קינדער וואס די טראכסט פון אים אסאך, די ביסט כסדר באזארגט וועגען אים, וואס דאס איז דאך דיין 'מקום', און שטעל אים פאר דיין 'מקום' ביים דאווענען, ער זאל זיין דיין 'בעקגראונד' א גאנצע צייט ביים דאווענען, אויף אים מאכסטו די ברכה פון 'אשר יצר', ברוך השם ער איז געזונט, אויף אים בעטסטו ביי 'ברכת התורה', אויף אים דאנקסטו 'להבחין בין יום ובין לילה, שלא עשני גוי וכו', אלעס אלעס איז ער, ער איז דיין מקום.

## א 'בעקגראונד' ביים לערנען

אזוי איז אויך ביים לערנען דארף מען האבן א 'עבר', א 'בעקגראנד', יעדער זאך וואס מ'לערנט דארף מען האבן צו דעם א 'בעקגראונד', יעדער זאך פרעגט א מענטש 'ווי פיט איך דאס אריין', 'ווי פאסט איך עס צו', 'ווי אויף די וועלט באלאנגט די ידיעה', 'ווי אין די תורה וועלט באלאנגט די דאזיגע ענין', און ווי מער מקומות א מענטש האט, קען

המשך בעמוד הבא

ער אריינפאסן יעדער זאך ווי דאס באלאנגט, בעסער פארשטיין וואס ער לערנט, די מקומות רעדט גאר אסאך אריין אין די פארשטאנד זיינער, צוויי מענטשן קענען לערנען די זעלבע זאך, יעדער וועט עס פארשטיין אנדערשט, ווייל יעדער זעהט עס פון זיין 'מקום', פון זיין 'עבר' אין תורה.

ס'איז באקאנט די בריוו פון חזון איש צו רבי חיים נאה אז ס'איז נישט שייך זיך צו טענה'ען ווייל יעדער קומט פון א אנדערע פלאץ, מ'טענה'ט זיך אויף די זעלבע זאך, אבער בעצם קומט יעדער איינער פון א אנדערע פלאץ, יעדער קומט פון א אנדער מקום אינגאנצן, פון א אנדערע 'פרעספעקטיוו'. און אזוי אויך ווען מ'וויל מעסטן א 'תלמיד חכם', מעסט זיך נישט מיטן די עצם לערנען וואס ער קען, נאר מיט די 'בעקגראונד' זיינער, ס'קען זיין אז די אלץ יונגערמאן אין כולל וואס הארוועט יעצט אויף די סוגיות, די וועסט בעסער קענען די סוגיות ווי אים, אבער ער האט א 'בעקגראונד' אין תורה, ער האט מקומות פאר זיין תורה. און דאס איז אויך די חילוקים צווישען מענטשן, ס'מאכט נישט אזוי סאך אויס וויפל פראנט ידיעות דער מענטש האט, נאר ווי פיל 'בעקראונד' ידיעות ער האט.

ביי 'חכמות העולם' ווייסט מען אז ס'איז וויכטיג צו קענען די 'מאפע' פון די וועלט, ס'איז אינו דומה איינער וואס קען די מאפע, צו איינער וואס קען נישט, ווייל אויב מ'קען די 'מאפע' האסטו א 'מקומות' פאר דיין חכמה, אלעס וואס די הערסט אין וועלטליכע ענינים, האסטו א 'מקום' פארדעם, די ווייסט 'אווי אין וועלט' די שטיקל אינפארמעשן באלאנגט. אזוי אויך להבדיל אלפי הבדלות אין חכמות התורה, איז אינו דומה איינער וואס האט די 'מאפע' אין תורה, ער האט א גוטע 'בעקגראנד' אין תורה, צו איינער וואס האט נישט.

שטייט אין מדרש אז די תורה הקדושה איז די 'מאפע' פון די וועלט (ווי מ'זעהט אין די פסוקים אנפאנג משלי). די תורה הקדושה איז די 'הונטערגרינט' פון אלעס, די 'בעקגראונד' פון אלעס, די 'מקום' פאר אלעס, און וואס א מענטש טוט, און וועלכע סארט פרנסה ער איז עוסק, אלעס איז ביי אים תורה, ווייל אויב די תורה איז די 'מקום' פאר אלעס, קומט אויס אז אפילו מ'לערנט נישט יעצט, אבער מצד די 'פלאץ' איז מען ביי די תורה. און ווי סאך א יוד זאל זיך ח"ו דערוואטערן פון די תורה, מצד זיין 'מקום' איז ער בכלל נישט ווייט, ווייל זיין מקום איז תורה, די תורה איז די מקום פאר אלעס, די תורה איז די 'בעקגראונד' פאר אלעס.

ס'איז באקאנט פון בעש"ט אז 'במקום שמחשבתו של אדם שם הוא', פון דאס וואס דער מענטש טראכט, דארט איז ער באמת. אזוי ווי די גוף גייט פון איין פלאץ צום צווייטן, אזוי אויך די מחשבה גייט פון איין פלאץ צום צווייטן, און אזוי ווי דער גוף קומט צום סוף צוריק צו זיין 'מקום', אזוי אויך די מחשבה פונעם מענטש קומט צום סוף צוריק צו זיין פלאץ, צו די פלאץ ווי ער פילט זיך די מערסטע באקוועם.

און אזוי ווי ביי 'מקום' וויל ער אלץ צוריק צו קומען צו זיין פלאץ, צו די פלאץ ווי ער פילט הונדערט פראצענט 'קאמפטעבל', אזוי איז אויך להבדיל א"ה ביים לערנען, א מענטש האט א 'מקום' ביים לערנען וואס דארט פילט ער זיך אינגאנצן באקוועם, און ער האלט און איין צוריק קומען אהין, ער האט זיין פלאץ אין קאפ וואס דארטן פילט ער אינגאנצן רואיג, זיינע סוגיות וואס ער האט ארויס אינגאנצן, און פון דארטן שפרייט ער זיך אויס אביסל אהער און אביסל אהין. אלץ קומט מען צוריק צו זיין פלאץ, צו די ענינים וואס ער איז באקוועם מיט זיי אינגאנצן. (ולדוגמא בעלמא, הגאון רבי חיים קניבסקי זצ"ל'ס פלאץ איז געווען די הייליגע חזון איש, איז ממילא אין אלעס וואס ער האט געלערנט איז ער צום סוף צוריק געקומען צום חזון איש).

## א פלאץ וואס קומט צוריק צו זיין פלאץ

צומאל איז דא אזא זאך אז די 'מקום' אליינס האט אויך א 'מקום'. די טעם פון 'איסור תחומין' שטייט אין אריז"ל, אז שבת קומען די 'שדות' ארום די שטאט, צוריק אהיים צום שטאט, אזוי ווי דער מענטש קומט אהיים ערב שבת פון 'שדה' צום שטאט, אזוי אויך די 'שדות' אליינס קומען אויך אהיים.

דאס הייסט אז אין די וואכן טעג זענען די 'שדות' ארום די שטאט שטארק 'אקטיוו', ווען ס'קומט שבת ווערן די 'שדות' אויסגעליידיגט, אלע מענטשן קומען צוריק אין שטאט אריין, די שטאט ווערט 'אקטיוו' אנשטאט די 'שדות', און ס'ווערט גאר פארערכנט ווי די 'שדות' אליינס קומען צוריק אין שטאט אריין. די 'שדות' זענען א עראי'דיגע מקום, און די שטעט זענען א קביעות'דיגע מקום, און ווען ס'קומט שבת, קומען אלע עראי'דיגע מקומות, צוריק אין שטאט אריין צו די קביעות'דיגע מקום.

די וועלט איז א 'מקום' פאר אלעס וואס איז אין איר, אבער דער וועלט אליינס האט אויך א 'מקום', די חז"ל זאגען 'הוא מקומו של עולם', דער וועלט האט א פלאץ, א פלאץ ביים אייבירשטן כביכול. דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט 'מכח אל הפועל', דער אייבישטער האט ארויס געשיקט די וועלט צו ווערן באשאפן, און ווען די וועלט ווערט כאילו אויסגעמיטשט, קומט זי צוריק צו איר פלאץ, דאס הייסט זי קומט צוריק צום אייבירשטן וואס איז איר פלאץ. די וועלט האלט טאקע און איין גיין ווייטער און ווייטער, אבער אלץ ווייסט זי, אז זי האט א 'מקום' וואס ווארט פאר איר, זי האט א 'מקום' טבעי וואס ווארט פאר איר, ביים אייבירשטן זעלבסט כביכול, 'הוא מקומו של עולם'.

ס'איז באקאנט אז אלע מקומות זענען נכלל אין ארץ ישראל, און ארץ ישראל איז נכלל אין די מקום המקדש, די בית המקדש איז 'מקומו של עולם', דער 'מקום' פון די גאנצע בריאה. די גאנצע וועלט איז נאר א 'התפשטות מקום' פון ארץ ישראל, ממילא קומט אויס אז בהכרח גייען אלע מקומות צוריק קומען קיין ארץ ישראל, ווייל אזוי ווי יעדער נברא קומט צום סוף צוריק צו זיין 'מקום', איז אזוי אויך גייען אלע מקומות צוריק קומען און נכלל ווערן אין ארץ ישראל.

אויך סוכות זעהט מען אזא זאך, אז א 'מקום' קומט צוריק צו זיין אייגענע 'מקום'. 'שב בדירת עראי' מיינט אז מ'גייט אוועק פונעם 'מקום קבוע', דאס הייסט אז דער 'בית' וואס איז קבוע, קומט ארויס צו די 'סוכה' וואס איז עראי, דער 'קבע' קומט ארויס צום 'עראי'. און שמיני עצרת וואס מ'קומט אריין פונעם 'סוכה' צום 'בית', איז דאס כאילו דער 'בית' קומט צוריק צו זיין פלאץ, דער בית קומט צוריק צו זיין מקום קבוע.

ס'איז דא גרויסע סוגיות פון 'שינוי מקום', אין הלכות ברכות און אין הלכות קידוש, און אין נאך אסאך פלעצער, ווי מ'זעהט אז 'שינוי מקום' איז נישט אזא פשוט'ע זאך, ס'גייט נישט אזוי אז מ'געט א טויש פלאץ, 'שינוי מקום' איז א עכטע זאך, אז די טוישט פלאץ איז דאס א 'שינוי' אינעם מענטש גופא, די ערשטע פלאץ ווערט ביי אים אויס, און די צווייטע פלאץ ווערט ביי אים א מציאות, איז וועגן דעם ווערט עס פארערכנט ווי א 'הפסק' ביי א סאך הלכות.

## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. 3424-763-52-972+